NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13237

DI PASIRUNGEN FUNEM

Lu. Lu. (Lurii Luriiovych) Shovkoplias

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

י. שאָווקאָפּליאַס

די פּאַסירונגען פונעם הינטל דזשעמקי

• קינדער - פאַרלאַג •

י. שאָוקאָפּליאַס

די פּאַסירונגענ פּונעמ הינטל דזשעמקי

פונ אוקראַיִניש — נ. שעכטמאַנ

צייכענונגענ פונ קעשאַ

MICROFORM

קינדער־פאַרלאַג
1934

רעדאקטער — אי. גרינזאַד
טעכנאָנפירער — אי. שישקאָ
קאָרעקטאָר — ל. הילער

Друкується з матриць, виготовлених в друкарні ім. Фрунзе, Харків.

Уповн. Головліту № 2236. Одобліт № 829. Замовлення № 973. Тираж 2000 прим.
Здано до друку 29-VII-34 р. Підписано до друку 1-VIII-34 р. Черг. вид. 72.

Друкарня ім. Леніна, Одеса, Пушкінська, 18

נעראָנ, דער סאָלידער געיעג־הונט, פלעגט אָפט מיט אופרעגונג זאָגנ צו דזשעמקיס מוטער, נאָרמאַ:

— איכ פאַרשטיי אײַכ לאַבסאָלוטנ ניט, געערטע נאָרמאָ!.. איכ רעד וועגנ אײַער זונ. גאַנצעגנע טעג יאָגט ער ארומ איבער דער גאַס, שטענדיק איז ער באַשפּריצט מיט בלאָטע. שטענדיק אָדער ער יאָגט זיכ נאָכ א קאַץ, אָדער ער שלאָגט זיכ מיט עמעצנ. ס׳איז דאָכ ניט פײַנ!.. ער כאַוועט זיכ בלויז מיט היימלאָזע, בלאָנקענדיקע הינט. אונ אליינ איז ער ענלעכ געוואָרנ ניט אפ קײַנ געוויינלעכנ פאָקסטעריער, נאָר אפ א בראָדיאַגע... איכ פאַרשטיי ניט,—ווי אזוי קאָנט איר עס פארלײַדנ. ס׳איז דאָכ א פלעק אפ אײַער עלטער.

הערנדיק דידאָזיקע ווערטער, פלעגט די באַיאָרטע אונ דיקע נאָרמאָ ווערנ טרויעריק אונ אראָפּלאָזנ די נאָז. זי האָט שווער געזיפצט אונ געפרעגט:

— נו, וואס קאָנ איכ טאָנ מיט אָט דעמ בויאַנ?

— איכ וויס ניט,—האט נעראָנ געקוועטשט מיט די פלייצעס— דאס איז אײַער זאַכ אונ ניט מײַנע... אָבער געדענקט, אויב איר וועט ניט אײַנשטילנ אײַער דזשעמקינ, וועלנ אַלע אָנשטענדיקע הינט זיכ אופהערנ מיט אײַכ גריסנ.

דאָס איז געווענ א שרעקלעכע דראָונג. נאָרמא האָט פונ שרעק אזש פאַרזשמורעט די אויגנ.

— איכ וועל פּרוווּנ,—האָט זי פארזיכערט נעראָנענ,—איכ וועל נאָכאַמאָל א פּרווו טאָנ...

נעראָנ האָט צוגעשאָקלט מיטנ קאָפּ אונ איז אָפּגעגאַנגענ...

ניט נאָר נעראָנ אליינ, אַלע שכיינעסדיקע הינט האָבנ איר אזוי געזאָגט. אונ זי אליינ האָט אויכ גוט געוווּסט, אז דזשעמקיס אופירונג

פּאַסט לאַכלוטנ ניט פאַר אַנ אָנשטענדיקנ פאָקסטעריער. וויפּל טרערנ האָט זי פאַרגאָסנ איבער איר אומגעהאָרכזאַמענ זונ!

אָבער וואָס האָט זי געקאָנט מיט אים טאָנ?

ווענ זי האָט גערעדט צו אים, פלעגט ער דענ הערנ?

בּאַטאָג איז ער קיינמאָל ניט געווענ אינדערהיימ. אונ אינאָוונט, קומענדיק צו לויפנ פונ דער גאַס אַנ ארומגעפּליקטער, א פאַרשמוציקטער, א הונגעריקער, פלעגט ער בּאַלד זיכ א וואָרפ טאָנ צו דער שיסל מיטנ עסנ. נו, אונ אַז א הונט עסט, הערט ער גאָרניט, וואָס מע זאָל אים ניט זאָגנ... נאָכנ עסנ פלעגט ער בּאַלד אַוועק צו זיכ אינ ווינקל זיכ אַוועקלייגנ. אונ אַז נאָרמא איז צוגעגאַנגענ צו אים, זײַנענ די אויגנ בּא אים שוינ געווענ שטײַפ צוגעמאַכט. ער איז געשלאָפנ אָדער ער האָט זיכ געמאַכט שלאָפנדיק. אונ וויפּל נאָרמאַ זאָל אים ניט וועקנ, וויפּל זי זאָל אים ניט שטורכענ מיט דער נאָז אונ מיט די לאַפּעס, האָט ער זיכ דאָכ ניט אופגעכאַפּט. איינמאָל האָט זי אים אַפילע א בּיס געטאָנ אינ אויער. דזשעמקי האָט זיכ אַזש צעקוויטשעט... נאָר אופגעכאַפּט האָט ער זיכ פאָרט ניט.

אונ מע קאָנ ניט זאָגנ, אַז ער האָט ניט ליב געהאַט זײַנ מוטער. ער האָט זי ליב געהאַט. איינס נאָר האָט ער ניט געקאָנט פאַרלײַדנ: אירע נאָטאַציעס.

ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, איז דזשעמקי בּאַטאָג קיינמאָל ניט געזעסנ אינדערהיימ.

ער האָט זיכ אופגעכאַפּט פריִער פאַר אַלע.

אופכאַפּנדיק זיכ פונ שלאָפ, האָט ער טייקעפ זיכ צוגעגאַנגענ צו דער טיר, זיכ אַוועקגעזעצט לעבנ איר אונ געזעסנ שאַ־שטיל, קעדיי ניט אופצוּוועקנ די מוטער.

ווי נאָר עמעצער פונ די שטוב־מענטשנ האָט אופגעעפנט די טיר, אַזוי איז דזשעמקי מיט אימפּעט ארויס אַפ דער גאַס.

דאָרט האָט שוינ עמעצער פונ זײַנע כאַווײרימ אימ אָפּגעוואַרט.

אויב קיינער האָט אַפ אים ניט געוואַרט, איז ער אַליינ שנעל געווירע געוואָרנ, וווהינ אייגנטלעכ ער דאַרפ הײַנט לויפנ.

האָסט אַמאָל געזענ, ווי אַזוי הינט, ארויסלויפנדיק אַפ דער גאַס, נעמענ קוידעמקאָל ארומשמעקנ אַלע סטויפּטשיקעס, פאַרקנס, ווענט פונ די געבײַענ? האָסט דאָכ געזענ, עמעס?.. צי ווייסטו פאַר־וואָס זיי טוענ דאָס? דאָס זוכנ זיי יענע פאַר אונדז אומבאַמערקבאַרע



צייכנס, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזט אַנדערע הינט. פון אָט די צייכנס דערוויסן זיי זיך, ווער וואַס עס טוט, ווער וווּהין איז אוועקגעלאָפן, וווּ קאָן מען געפינען די כאַווייריםמ, צי דער גרויזאַמער קאַסטן מיט די היצעלעס געפינט זיך וויַיט.

און אויך דזשעמקי, אַז די כאַוויירים פלעגן אַפּ אים ניט וואַרטן, פלעגט ער איבעריקוקן אָט די הינטישע יעדיעס און פלעגט באַלד זיך דערוויסן אַלע נייַסן פון זייַן הינטישער געמיינדע. אַלנפאַלס, האָט ער זיך פּינקטלעך דערוווּסט, וווּ מ׳האָט באַשטימט זיך צונויפצוקלייַבן, און האָט זיך אהין אוועקגעלאָזט.

און דאָרטן...

דאָרט האָבן זיך צונויפגעקליבן די הינט פונעם גאַנצן קוואַרטאַל. אַז אַלע זייַנען זיך צונויפגעלאָפן, האָט מען צוערשט באַהאַנדלט די הינטישע איניאַנים. און דערנאָך האָט מען שוין אָנגעהויבן פאַרווייַלן זיך.

די איניאַנים זייַנען געווען גאָר וויכטיקע. דאָ האָט איר געהאַט דערינערונגען וועגן דעם, וועמען וואָס די באַ׳עבאַטים האָבן געגעבן צום פרישטיק, אָדער אַפּ וועטשערע. דאָ האָט מען באַהאַנדלט, ווי אַזוי מע זאָל מילכאָמע האַלטן מיט די הינט פון די שכיינעסדיקע קוואַרטאַלן. דאָ האָט מען זיך אויך אויסגעטוישט מיט דער דערפאַרונג פון יאָגן זיך נאָך קעץ, אָדער פון אָנפאַלן אַפּ דורכפאָרנדיקע פורן און אווטאָס... מיט איין וואָרט, זייער אַסאַך גאָר וויכטיקע איניאַנים.

אָבער אָט די אַלע איניאָנים זייַנען זייער שנעל געלייזט געוואָרן אין מעשעך פון וועלכע ס׳ביט איז פינף־צען מינוט. און די איבעריקע צייַט פונעם טאָג האָט מען געווידמעט אַפּ קאָלערלייַ ספאָרטיווע פאַרווייַלונגען און העראָישע טאַטן.

נו, וועגן געיעג אַפּ קעץ וועל איך ניט דערציילן. דאָס איז אַ פאַרווייַלונג פאַר ניטדערפאַרענע צוציקלעך. און אינדערעמעכן, וואָס פאַר אַ העלדישקייט שטעקט דאָ—יאָגן זיך נאָך אַ קאַץ, ביזוואַנען זי שפּרינגט ניט אַרופ אַפּ אַ פּאַרקן, צי אַפּ אַ בוים גאָר?

דזשעמקי האָט אַנערקענט בלויז העלדישע פאַרווייַלונגען, אַזעלכע, וווּ מע קאָן באַווייַזן דערפינדערישקייט, פלינקייַט, די קונץ צו לויפן שנעל, און בראַווקייט.

ס׳האָט נאָר געדאַרפט זיך באַווייַזן אַפּ דער גאַס אַ פורמאַן, אַזוי האָט דזשעמקיס טשאַטע זיך באַלד העגדום־פּענדום אַ לאָז געטאָן צו אים. די הינט רינגלען אַרום דעם פורמאַן פון אַלע זייַטן—זיי



האָוקענ, שמײַענ ארומ, שפּרינגענ. דערזעענ זײ אנ אוטאָ, לויפנ זײ אויכ צומ אַוטאָ.

אונ דזשעמקי איז דער ערשטער פונ אַלע. ער קומט צו לויפנ פריִער פאַר אַלעמענ אונ נעמט דער ערשטער האַוקענ. אונ דאָס קאָל באַ אימ איז אַזאַ קלינגענדיקס, אז וויפל הינט עס זאָלנ דאָ ניט זײַנ, איז זײַנ האַוקענ הערנ אַלע, אונ זײַנע ווײַסע האָר מיט די שוואַרצע פלעקנ — זעענ אַלע.



אַנדערע הינט האַוקענ אפ דער פור בלויז פונדערווײַט, זײ לויפנ צו הינטנאַרומערט. אונ דזשעמקי דרייט זיכ מאַמעש באַ דעמ פערד אונטער די פיס. עס דוכט זיכ, אז ער וויל אונטערשפּרינגענ אַזש צומ פערדס מאָרדע, זי א ביס צו טאָנ. אונ אַלע זײַנענ זיכער, אז ווענ ס׳ניט איז ווערט עס טאַקע אזוי זײַנ: דזשעמקי ווערט טאַקע אונטערשפּרינגענ אונ ווערט טאַקע א ביס טאָנ.

דעמ עמעס געזאָגט, הערנ די פערד דאָס האַוקענ ווי דעמ פאַראַיאָריקנ שנײ, — זײ גייענ זיכ, גלײַכ ווי זײ וואָלטנ גאָרניט געהערט. בלויז זעלטנ טרעפט, אז א גוטמוטיק פערד כאַפּט א קוק אפ דזשעמקינ, גיט א שמייכל אונ זאָגט מיט איראָניע:

— וואָס, שויטע איינער, שפּרינגסטו? איכ קאָנ דאָכ דיכ ניט אומיסטנ א קלאַפּ טאָנ מיט דער קאָפּיטע.

— אנו, פּרווו נאָר! — רייצט זיכ מיט אימ דזשעמקי — כ׳וועל דיר אָפּרײַסנ דײַנ קאָפּיטע מיט איינ צאָנ... האַוו־האַוו!

אונ אזוי האַוקעט דזשעמקי מיט אַלע קויכעס, קעדיי אַלע זאָלנ וויסנ, ווי אַזוי ער, א שנעקל, רעדט דרײַסט מיט א גרויסנ פערד.

אָט ווער דזשעמקי איז געווענ!..

— וואָס פאַר א בראַווער אונדזער דזשעמקי! — האָבנ געשמועסט ווענג אימ די הינט פונ זײַנ טשאַטע.— ער איז צווישנ אונדז דער סאַמע בראַווסטער. ער איז מאַמעש א העלד!

אונ ניט נאָר די הינט פונ זײַנ טשאַטע אליינ, — אַלע הינט פונ די שכיינעסדיקע קוואַרטאַלנ האָבנ מאַסקימ געווענ, אז דזשעמקי איז אנ עמעסער העלד.

ווער־ווער, אָבער זײ האבנ אימ געקאָנט גוט. ווײַניק האבנ זײ אַלע טאָג מיט אימ אונ מיט זײַנע כאַווײרימ מילכאָמע געהאַלטנ! ס׳אַרא שלאַכטנ זײַנענ געווענ! וויפל האָר זײנענ געפלויגנ! וויפל בלוט האָט זיכ געגאָסנ!..

אויכ דזשעמקי פלעגט ארײַנכאַפּנ. אָבער פאַר אימ איז דאָס געווענ א שפּילעכל. ניט געקוקט אפ גאָרניט, פלעגט ער שטענדיק

זיך וואָרפֿן אָפּן סוינע דער ערשטער, פֿאַרײַסנדיק גרויזאַם זײַן אָפּגעהאַקט פּיצל ווידל. מע האָט אים געביסן, אָבער ער האָט יענעם אויך געביסן! מע האָט אים געהריזעט, אָבער ער האָט יענעם אויך געהריזעט! נאָך ווי שמערצלעך! זײַן קליינע ווײַסע פּיגור האָט שטענדיק געשימערט גראָד דאָרט, וווּ ס'איז פֿאָרגעקומען דער סאַמע פֿאַרביסנסטער שלאַכט...

דזשעמקי האָט ערלעך פֿאַרדינט זײַן רום.

און ווי פֿלעגט ער שטאָלצירן מיט זײַן העלדישקייט! נאָך א מין שטאָלצירן!..

און אַז דו ווילסט וויסן דעם עמעס, האָט אים אָט דער רום זײַנער ניט באַפֿרידיקט. גרויסמאַכנדיק זיך פֿאַר אַנדערע, האָט ער געקלערט, אַז אַזאַ רום קאָן יעדער הונט זיך דערווערבן. און אַזאַ רום איז אים צו ווייניק. ער האָט געוואָלט באַרימט ווערן אַזוי, אַז קיין שום הונט זאָל אים קיינמאָל ניט אַריבערשטײַגן. ער האָט געוואָלט, אַז ניט נאָר די שכיינעסדיקע קוואַרטאַלן אַליין, נאָר דער גאַנצער אַרומיקער ראַיאָן זאָל רעדן וועגן זײַנע העלדנטאַטן. און נאָך האָט ער געוואָלט, אַז אַלע אָנשטענדיקע הינט זאָלן אים אָנערקענען פֿאַר א העלד. און דעריקער, אַז נעראָן זאָל האָבן פֿאַר אים אָפּשײַ... דו האָסט דאָך ניט פֿאַרגעסן, אַז נעראָן האָט זיך באַצויגן צו דזשעמקין ווי צו א בראָדיאַגע און ניט ווי צו אַ העלד.

ווי דו זעסט, איז דזשעמקי געווען ניט נאָר א בראַוער, נאָר ער האָט נאָך אויך שטאַרק ליב געהאַט קאָוועד.

לאַנג האָט דזשעמקי געזוכט אַזאַ צופֿאַל, אַז ער זאָל קאָנען וואָס מער באַרימט ווערן. און סאָפּקאָלסאָף האָט ער געפֿונען.

דעם עמעס געזאָגט, האָט ער דאָ קיין שום העלדישקייט ניט אַרויסגעוויזן. פֿאַרקערט: ער האָט זיך מיִעס איבערגעשראָקן שיִר ניט אַף טויט. די זאַך האָט זיך אָבער אויסגעדרייט אַזוי, אַז עס האָט זיך יעדן געדוכט, אַז דזשעמקי האָט קלוימערשט געטאָן אַזוינס, וואָס איז מאַמעש אויסערגעוויינלעך.

אָט ווי ס'איז פֿאָרגעקומען.

איינמאָל האָט זיך צווישן דזשעמקיס טשאַטע און די שכיינעסדיקע הינט פֿאַרבינדן א שלאַכט. אַזאַ פֿאַרביסענער שלאַכט, וואָס קיינער האָט אַזוינס ניט געזען... און דאָ האָט דזשעמקי נאָכאַמאָל זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אויסערגעוויינלעכן קעמפֿער.



געזיגט האָט דזשעמקיס טשאַטע. צוערשט זײַנען די סאָנים עטוואָס אָפּגעטראָטן, און דערנאָך האָבן זיי געמאַכט אַזאַ פּליטע, אַז דער שטויב האָט זיך אַזש אויפגעהויבן, ווי אַ כמאַרע. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער העלד, און נאָך אים אַלע זײַנע כאַווײרים, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו פאַרפאָלגן דעם באַזיגטן סוינע. מע האָט זיך געיאָגט אַזש ביז אַלע פרעמדע הינט זײַנען זיך צעלאָפן, און דזשעמקיס טשאַטע האָט זיך אָפּגעשטעלט ערגעץ ווײַט פונעם אייגענעם קוואַרטאַל.

אויף דער גאַס, וווּ זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז געגאַנגען אַ טראַמוויי...

איך האָב דיר פאַרגעסן דערציילן, אַז דזשעמקי האָט געוווינט און אַרויסגעוויזן זײַנע העלדישקייטן אין אַזאַ קוואַרטאַל, ווו קיין טראַמוויי איז ניט געווען. ער האָט נאָר געהערט, אַז מענטשן האָבן אַזאַ באַוועגונגמיטל, אָבער ער האָט עס נאָך קיינמאָל ניט געזען. און ניט זעענדיק, פלעגט ער אָפט פאַרזיכערן זײַנע פרײַנט:

— איך מיר אַן אַנטיק, אַ טראַמוויי... נו, איז וואָס, אַז ער איז אַ גרויסער? אַז איך וועל אים דערזען, וועל איך אים עפּעס אָפּטאָן.

— וואָס זשע וועסטו אים טאָן? — האָבן געפרעגט זײַנע כאַווײרים.

— איך ווייס שוין וואָס, — האָט מיט שטאָלץ דערקלערט דזשעמקי, — אָט וועט איר זען.

אינדערעמעסן אָבער האָט ער גאָרניט ניט געוווּסט. ער פלעגט זיך פּאַשעט פּרעכן באַרימען.

אָבער יענע כאַווײרים זײַנע, ווען ס'איז אויסגעקומען צו זען אַ טראַמוויי, האָבן געצווייפלט:

— אײַ, וועסטו זיך דערשרעקן...

דאָס פלעגט דזשעמקין בלויז צערייצן.

— אָט וועט איר זען, — פלעגט ער פאַרזיכערן, — אַז דער טראַמוויי, אַז איר וועט זיך דעמאָלט דערוויסן ווער אַזוינס דזשעמקי איז...

און אָט האָט ער דערזען אַ טראַמוויי.

ווען די גאַנצע טשאַטע איז געשטאַנען און מיט שטאָלץ באַקוקט די דעראָבערטע גאַס, איז דער טראַמוויי אַרויסגעלאָפן פון הינטערן ראָג.

קיינער פון די הינט האָט זיך ניט אַ לאָז געטאָן צו אים. אַלע האָבן זיך בלויז אויסגעקערעוועט צו זייער העלד, זען, וואָס וועט ער טאָן?

און דזשעמקי האָט זיך אַוועקגעלאָזט צום טראַמוויי. כאָטש ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מיט אים גאָרניט קאָנען מאַכן,

כאָטש זייַנ הערצל האָט אימ פאַר פאַכעד געטיאָכקעט, אָבער וואָס דענ אַנדערש קאָנ ער טאָנ? ווילסט יאָ, ווילסט ניט, אָבער לויפנ מוזטו. מע דאַרפ דאָכ אַלעמענ דערווייַזנ, אַז ער רעדט ניט גלאַט אינ דער וועלט אַרייַנ.—



דער טראַמווייַ האָט זיכ באַוועגט ניט שטאַרק גיכ. דזשעמקי האָט אינ איינ אויגנבליק אימ אָנגעיאָגט, אימ אַפילע אַביסל איבערגעיאָגט, אונ האָט אַזוי הויכ גענומענ האַוקענ, אַז אַלע פאַסאַזשירנ האָבנ זיכ אַפ אימ אומגעקוקט אונ זיכ געווּנדערט: אַזאַ פיצל הינטעלע אונ האַוקעט אַפנ טראַמווייַ מיט אַזאַ ענערגיע.

אויכ דער וואַגאָנפירער האָט אַפ אימ אַ קוק געטאַנ, אַ קוק געטאָנ אונ זיכ פריילעכ צעלאַכט; ווי איינער רעדט: ס'אַראַ נאַריש הינטל.

דאָ איז דזשעמקי שוינ אינגאַנצנ ווי דול געוואָרנ.

— אַ־אַ, — האָט ער געקלערט, — אָט וואָס איר אַלע טראַכט וועגנ מיר... וועל איכ אייַכ טאַקע באַלד דערווייַזנ, אַז איכ בינ ניט קיינ נאַר, נאָר אַ העלד.

אונ האָט זיכ אַ לאָז געטאָנ אַפ איבערצולויפנ די רעלסנ מאַמעש פאַרנ וואַגאָנ, מאַמעש אונטער דער נאָז פונעמ וואַגאָנפירער... זיכ אַ לאָז געטאָנ, אָבער אונטער זייַנע פיס האָט ער ניט געקוקט, אונ האָט זיכ פאַרטשעפעט, אונ איז אומגעפאַלנ. פונקט אַפ דער רעלס איז ער אומגעפאַלנ.

ער האָט שוינ געוואָלט זיכ אופהויבנ. אָבער ער האָט אַ קוק געטאָנ אינדערהייכ אונ איז פאַר פאַכעד שיר ניט געשטאָרבנ. דער טראַמווייַ האָט זיכ שוינ אָנגערוקט, ער איז שוינ מאַמעש אַפ אימ, מיט זייַנ הינטערשטנ טייל. דזשעמקינ האָט אָנגעכאַפט אַזאַ שרעק, אַז ער האָט אַפילע קיינ קוויטש ניט געטאָנ, ער האָט זיכ נאָר צעדריקט מיט זיינ גאַנצנ גופ צומ ברוק אונ פאַרזשמורעט די אויגנ. ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז ס'איז געקומענ זיינ סאָפ... ס'אַראַ מיִעסער סאָפ!..

אָבער דער טראַמווייַ האָט אימ ניט צעקוועטשט. דער וואַגאָנפירער האָט באַמערקט, אַז דזשעמקי איז אומגעפאַלנ, אונ ס'האָט אימ באַנג געטאָג אָט דאָס נאַרישוואַטע הינטעלע. אַדאַנק דעמ, וואָס דער וואַגאָנ איז געגאַנגענ ניט שטאַרק גיכ, איז געלונגענ מיטאַמאָל אימ אָפשטעלנ. אונ, אָפשטעלנדיק דעמ וואַגאָנ, איז דער וואַגאָנפירער אַרויסגעגאַנגענ פונ אימ, האָט זיכ אָנגעבויגנ אונ דערזענ דאָס אומגליקלעכע הינטל, וואָס איז געלעגנ אומבאַוועגלעכ אַפ דער רעלס. אונ די ראָד איז שוינ אַפ דעמ שיר ניט אַרופגעפאָרנ. אויס־

156

געשטרעקט די האנט, האט דער וואַגאָנפירער אָנגעכאַפּט דזשעמקינ פאַר דער פּאָטיליצע און אים ארויסגעשלעפּט פונ אונטערנ טראַמוויי.

דזשעמקי, דערפילנדיק, אז עפּעס ריירט זיך צו צו אים, האָט גערעכנט, אז דאָס פאָרט אפ אים ארופ די ראָד, און האט זיך בעשאַס־מײַסע געוווּנדערט, פארוואָס ער פילט ניט קײַנ שום ווייטיק. און אזוי זיך וווּנדערנדיק, האָט ער אופגעמאַכט די אויגנ... און דערזענ, אז ער ליגט שוינ ניט אונטערנ טראַמוויי, אז עס האַלט אים א וואַ־רעמע מענטשלעכע האַנט. האָט ער זיך אזוי שטאַרק דערפרייט, אז ער האט מיט אלע קויכעס גענומענ קוויטשענ. דערנאָך האט ער דעמ וואַגאָנפירערס בײדע הענט ארומגעלעקט, ניטוויסנדיק, ווי אַזוי אנדערש אים אָפּצודאַנקענ פאַר דעמ, וואָס ער האָט אים געראַטעוועט. ער האָט אימ אויך געוואָלט א לעק טאָנ דאס פּאָנעמ, האט זיך דער וואַגאָנפירער אָפּגעקערעוועט.

— עכ, דו,— האָט ער געזאָגט צערטלעך, גלעטנדיק דזשעמקינ איבערנ ציטערנדיקנ רוקנ,— קליינ נארעלע, אצינד וועסטו שוינ וויסנ, ווי אזוי צו האַוקענ אפ א טראַמוויי?

דזשעמקי האט אימ נאָכאַמאָל ארומגעלעקט די הענט. דער וואַ־גאָנפירער האָט אים אוועקגעשטעלט אפנ ברוק:

— נו, לויפ...

און אליינ איז ער צוריק ארופגעגאַנגענ אפ דער טראַמוויי־פּלאַט־פאָרמ. מע האט געדאַרפט פירנ דעמ וואגאָנ ווײַטער...

ניט קומענדיק נאָך אינגאַנצנ צו זיך נאָכנ דערשרעק, איז דזשעמקי אוועקגעגאַנגענ צו די זײַניקע, טאַקע נאָר געגאַנ, און ניט געלאָפנ, ווײַל די פיס האבנ נאָך בא אים ביז איצט געציטערט. די טשאַטע איז געשטאַנענ פונדערווײַטנס א פארגליווערטע. אלע הינט זיינענ געווענ אַזוי איבערגעשראָקנ, אז קײַנ איינער פונ זיי האט ניט גע־האַט די מוט אָפּילע צולויפנ און א קוק טאָנ.

דערזעענדיק זײַנע כאַווײרימ, האט דזשעמקי טייקעפ זיך ווידער־אַמאָל דערפילט אַלס העלד. ער האט גערעכנט, אז קיינער האָט ניט געזענ גאָרניט, קיינער האָט ניט באמערקט זײַנ שאַנד...

ער האָט נאָך ניט באוויזנ צולויפנ, ווי די טשאטע האט אימ שוינ ארומגערינגלט.

— דו לעבסט? — האָבנ אלע אויסגעשריגנ מיט איינ קאָל.

דזשעמקי האט א קוק געטאָנ אפ זיי מיט אזא פארוווּנדערטנ בליק, אקוראַט, ווי ער וואָלט גאָרניט פארשטאַנענ וועגנ וואָס זיי פרעגנ אימ, און ער האָט זיי גאָרניט געענטפערט.



די הינט האָבנ זיכ פאַרשעמט. אונ בעעמעס, ווי קאָנ מענ אזוינס גאָר פרעגנ דזשעמקינ, דעמ אלגעמיינאנערקענטנ העלד?.. אונ שפּעטער זיינענ זיי ווידעראַמאָל צו אימ צוגעשטאַנענ:

— וואָס האָסטו דאָרטנ אָפּגעטאָנ? פאַרוואָס האָט זיכ דער טראַמוויַ אָפּגעשטעלט?

דזשעמקי האָט הויכ א זיפצ געטאָנ, ווי עס וואָלטנ אימ אָט די פראַגעס שטאַרק דערעסנ. דערנאָכ האָט ער געזאָגט מיט אזא אפאטישער שטימ, ווי ער וואָלט זיכ וועלנ אָפּטשעפּענ פונ זייַנע שטאַרק־אײַנגעגעסענע כאַווערימ:

— האָט איר געזאָלט זענ אונ ניט שטיינ מיט אָפענע מײַלער.

— מיר האָבנ ניט געקאָנט. מיר האָבנ זיכ צוליב דיר איבערגעשראָקנ.

— זיכ איבערגעשראָקנ? צוליב מיר? — האָט דזשעמקי מיט ביטל זיכ צעלאַכט — כאַ־כאַ־כאַ!.. איר קאָנט מיכ נאָכ ניט. אונ האָט ווידעראַמאָל אָנגעהויבנ מיט אַזאַ טאָנ, גלײַכ ער וואָלט גערעדט פונ גאָר א געוויינלעכער זאַכ... — איכ האָב זיכ פּאָשעט אײַנגעקלאַמערט אינ דער ראָד פונעמ טראַמוויַ, זי אָנגעכאַפּט מיט די ציינ אונ ניט געלאָזט גיינ ווײַטער.

זייַנע כאַווערימ זיינענ דערשטוינט געוואָרנ:

— ס'קאָנ ניט זײַנ!

באַשרײַבנ אײַכ מיט וואָס פאַר א ביטל־קוק דזשעמקי האָט אָפּגעמאָסטנ זײַנע כאַווערימ, — בינ איכ פּאָשעט ניט אימשטאַנד...

— איר האָט דאָכ אַליינ געזענ, ווי אַזוי ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט... אונ ווענ דער וואַגאָנפירער האָט מיכ אָפּגעריסנ פונ דער ראָד, האָב איכ אימ אַזאַ ביס געטאָנ אינ דער האַנט, אַז ער האָט אַזש פונ ווייטיק זיכ צערעוועט. אָבער איר זײַנט אזעלכע פאַרטראָגענע נעפאַשעס, אַז דאָס אַפילע האָט איר מיסטאַמע אויכ ניט געהערט.

די הינט זײַנענ געשטאַנענ אונ געקוקט אפ אימ מיט אויסגעטאַראשטשעטע אויגנ. אונ ווירקלעכ, מיט אַזאַ טאָנ לײַגט מענ ניט. כוצ דעמ, האָבנ אַלע געזענ מיט די אייגענע אויגנ, אז דזשעמקי האָט זיכ אַ לאָז געטאָנ אונטערנ טראַמוויַ, אונ נאָכ דעמ האָט זיכ דער טראַמוויַ מאָמענטאַל אָפּגעשטעלט. צוליב וואָס האָט ער זיכ געדאַרפט אָפּשטעלנ, אויב קיינער האָט אימ פאַר דער ראָד ניט צוגעהאַלטנ?.. ווידער, האָבנ אַלע געהערט מיט די אייגענע אויערנ עפּעס אַ קוויטשערײַ. מעגלעכ, אַז פריִער טאַקע האָבנ זיי גערעכנט, אַז דאָס האָט געקוויטשעט דזשעמקי, אָבער אַצינד, אַז ער האָט זיי אַלצדינג

דערציילט, איז זיי געוואָרן קלאָר, אַז דאָס האָט געקוויטשעט פון ווייטיק גאָר דער וואַגאָנפירער.

און דזשעמקי האָט נאָך אונטערגעגעבן היץ:

— און איר האָט געמיינט, אַז איך באַרימ זיך גלאָט אַזוי?.. עך, שנעקעס, קליינינקע נאַראָנים וואָס איר זײַנט.

וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן נאָך אָט די ווערטער דזשעמקיס, וועט דיר קיינער ניט קאָנען דערציילן... די הינט האָבן גענומען שפרינגען ארום אים. זיי האָבן אים באַגריסט, זיך געקוליעט, גע־טאַנצט, געהאַווקעט, געקאַוויוטשעט, געקוויטשעט און געוואָיעט... אַזוי האָבן זיי אַלע אָפּגעגעבן אַ לויב צו זייער העלד.

דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, ביזוואַנען איינער פון זיי האָט ניט באַמערקט, אַז די היצעלעס מיט זייער קאַסטן און זאַק דער־נעענטערן זיך צו זיי. ערשט דאַן זײַנען זיי זיך צעלאָפן אין אַלע עקן...

איך מיין, אַז עס איז דיר אַזוי אויך קלאָר, ווי אַזוי דזשעמקי איז באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. וועגן זײַן העלדנ־טאַט האָבן דערציילט איינס דעם אַנדערן אַלע הינט. וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט מיט זײַנע ציין אָפּגעשטעלט דעם טראַמוויַ און דעם וואַגאָנפירער צעביסן אַ האַנט — איז אויספירלעך פאַרצייכנט געוואָרן אף אַלע פאַרקנס, אף אַלע סטויפעס... אַלע הינט האָבן אָנגע־הויבן האָבן אָפּשײַ פאַר דזשעמקין.

אָט ווי ער האָט זיך באַרימט געמאַכט!

דערדאָזיקער רום האָט אים אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ, אַז אינגיכן האָט ער אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס אַלץ איז קלוי־מערשט פאַרגעקומען אַפדערעמעסן. ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אונטער די רעדער איז ער שיר ניט מ'עס אומגעקומען. ער האָט פאַרגעסן, ווי אַזוי ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט געלעקט די הענט פונעם וואַגאָנפירער.

אַלע האָבן געגלויבט, אַז אין דער הינטישער וועלט איז ער דער סאַמע באַרימטסטער העלד, און אַמערסטן האָט געגלויבט אין דעם ער אַליין.

בלויז איין נעראָן האָט בעשום אויפן ניט געקאָנט אין דעם גלויבן.

— ניין, דאָ איז עפעס ניט גלאַט,— האָט ער געזאָגט,— אַזוינס האָט נאָך קיינמאָל ניט פאַסירט: איך בין שטאַרקער פאַר דזשעמקין און דאָך וואָלט איך קיינמאָל ניט געקאָנט אָפּשטעלן אַ טראַמוויַ.

דזשעמקי האָט פּאַשעט אַלעמענ אָפּגענאַרט. אונ איכ וועל אימ אַרויספירנ אַפ דער ליכטיקער שײַנ.

ס'איז נאָכ ניט דורכגעגאַנגענ קײַנ צוויי וואָכנ נאָכ דער טראַמוויי־פּאַסירונג, ווי דזשעמקינ האָט זיכ שוינ גענומענ דוכטנ, אַז דער הינ־טישער אוילעמ הייבט אָנ פאַרגעסנ אינ זײַנ העלדישקײַט. מע גיט אימ ניט אָפּ אַזאַ קאָוועד, ווי ער האָט פאַרדינט, ווי דאָס פּאַדערט זײַנ רומ. מע רעדט שוינ אפילע וועגנ אימ ווייניקער.

דאָס אַלצ האָט אימ שטאַרק באַליידיקט.

אָבער ער האָט געמאַכט אַ שווײַג. עפּעס פּאַסט דאָכ ניט פאַר א העלד רעדנ וועגנ זיכ אַסאַכ. דאָס איז דאָכ ניט באַשיידנ. זאָלנ וועגנ אימ אנדערע דערציילנ...

געשוויגנ, געשוויגנ, אָבער פאָרט ניט אויסגעהאַלטנ.

מע דאַרפ דאָכ טאַקע דערמאָנענ אָט דעמ הינט־אוילעמ, וואָס פאַרמאָגט ניט קײַנ זיקאָרנ, אַז ער איז ניט גלאַט אזוי א פּאָקסטע־ריער, נאָר אַ העלד. אונ ער האָט דערמאָנט. אָבער קײַנ נאַכעס האָט ער דערפונ ניט געהאַט.

פאַרקערט, ער האָט געהאַט בלויז אומאָנגענעמלעכקײַטנ.

ס'האָט זיכ געמאַכט אזוי, אַז נעראָנ איז גראַד איינמאָל געפאָרנ מיט זײַנ באַלעבאָס אפ געיעג.

געיעג... אַכ, ווי פונ דעמ וואָרט ווערט אופגערעגט אַ הונט! ווי יעדער הונט טרוימט, אז מע וועט אימ אַמאָל נעמענ אפ געיעג!.. ליידער, נעמענ די מענטשנ אפ געיעג בלויז געיעג־הינט: סעטערנ, פוינטיאָרנ, יאָג־הינט, כאָרטנ. אָבער גאַסנ־הינט — קיינמאָל ניט. אויכ פּאָקסטעריערנ נעמט מענ קיינמאָל ניט. קלאָר, אַז דאָס איז א גוואַלדיקע אַוולע. אָבער קײַנ מענטשנ קענ מענ ניט איבערמאַכנ.

אַז נעראָנ איז אַוועקגעפאָרנ אַפנ געיעג, האָט דזשעמקיס טשאַטע, פאַרשטייט זיכ, אַפ אַלערליי אויפאַנימ באַהאַנדלט דידאָזיקע געשעעניש. מע האָט נעראָנענ מעקאַנע געווענ. מע האָט די מענטשנ שטילערהייט געזידלט. מע האָט דערוויזנ איינס דאָס אַנדערע, אַז יעדער איינער פונ זיי וואָלט געקאָנט זיכ באַטייליקנ אינעמ געיענ ניט ערגער פונ נעראָנענ.

דזשעמקי האָט געהערט, געהערט אונ דערנאָכ מיטאַמאָל אויסגעשאָסנ:

— אַ גרויסע זאַכ, געפאָרנ אפ געיעג. ער איז דאָכ געפאָרנ מיטנ באַלעבאָס... אָט ווענ ער וואָלט אליינ, אָנ מענטשנ...

— וואָסער הונט גייט עס אַפ געיִענ איינער אַליינ? — האָט די טשאַטע זיכ געוווּנדערט.

— אָט, לעמאָשל, איכ, — האָט דזשעמקי מיט דער לאַפּע זיכ אַ טוצע געטאָנ אינ דער ברוסט.

די הינט האָבנ זיכ צעלאַכט. דזשעמקי איז געוואָרנ שוינ צו אַ גרויסער באַרימער: ער פּלוידערט מיטנ צונג דער רועכ ווייסט וואָס.

— ביסט דענ געגאַנ אַמאָל אַפ געיעג?

— נאָכ קיינמאָל ניט, — האָט מיט שטאָלצ אַ זאָג געטאָנ דזשעמקי, — אָבער איכ וועל גיינ... אָט מאָרגנ גיי איכ אַרויס פונ דער שטאָט אונ גיי אַוועק אינ וואַלד. אונ וועל אומבאַדינגט כאַפּנ אַ גרויסע כאַיע.

אַזוי האָט געזאָגט דזשעמקי, אונ אימ אַליינ איז געוואָרנ קאַלעמוטנע אַפנ האַרצנ. וואָס איז אימ גאָר פּלוצלינג אײַנגעפאַלנ אַזאַ נאַרישקײַט: נו, יאָ, וואָס איז ער פאַר אַ יעגער? אונ אינ וואָס פאַר אַ וואַלד וועט ער לויפנ? אַ וואַלד, ניט נאָר ער האָט אימ קיינמאָל ניט געזענ, נאָר ער האָט אַפילע ניט געקאָנט זיכ פאָרשטעלנ, וואָס אַזוינס איז דאָס. ער ווייסט אַפילע ניט, ווו אַ וואַלד געפינט זיכ... ווער האָט אימ געשלעפּט פאַרנ צונג?

אָבער אַ וואָרט, קוימ איז עס אַרויסגעפלויגנ, וועסטו עס צוריק ניט כאַפּנ. אַלע כאַווײרימ האָבנ אויסגעהערט זײַנע באַרימערײַענ אונ האָבנ זיכ אַפילע ניט געוווּנדערט. אַזאַ געדאַנק, אַז דער העלד, וואָס האָט מיט זײַנע ציינ אָפּגעשטעלט אַ טראַמווײַ, זאָל ניט קאָנענ אַליינ גיינ אַפ געיעג, האָבנ זיי ניט דערלאָזט. דזשעמקי קאָנ אַלצ... זיי האָבנ נאָר געזאָגט:

— דידאָזיקע זאַכ פּאַסט טאַקע נאָר פאַר אַזאַ העלד, ווי דו... מאָרגנ אינדערפרי וועלנ מיר דיכ באַגלייטנ אַזש ביזנ עק שטאָט. אונ אינאָווּנט וועלנ מיר דיכ באַגעגענענ.

אנו, זאָל פּרוּוונ דזשעמקי נאָכ דעמ ניט גיינ. אַלע וואָלטנ באַלד פאַרגעסנ, אַז ער איז אַ העלד. מע וואָלט אימ פּאָשעט געלאַכט אינ די אויגנ. מע וואָלט אימ אָנגערופנ באַרימער... כאָטש באַוויַיז זיכ ניט אַפ דער גאַס...

ווי שרעקלעכ ס׳איז דזשעמקינ ניט געוועזנ, אָבער צומאָרגנס גאַנצפרי האָט ער געמוזט זיכ לאָזנ אינ ווײַטנ וועג. ביפראַט נאָכ, אַז ווענ ער איז אַרויסגעגאַנגענ אַפ דער גאַס, האָבנ אימ באַגלייט ניט בלויז די כאַווײרימ, נאָר קימאַט דער גאַנצער הינט-אוילעמ

פונעם ארומיקן ראַיאָן. דער קלאַנג וועגן דזשעמקיס נײַעם העלדנטאַט האָט זיך פאַרשפּרייט גאָר גיך. און קימאַט אַלע, ווער עס האָט אים געקאָנט אָדער געהערט וועגן אים, זײַנען געקומען אים באַגלייטן ביזן עק שטאָט.

קיינמאָל האָט נאָך די שטאָט ניט געזען אַזאַ קאָלאָסאַלע הינטישע מאַכנע.

פאָרויס איז געגאַנגען דזשעמקי, סטאַרענדיק זיך אויסצוזען בראַוו. אינדערעמעסן אָבער האָט זיך אים געגלוסט צעהײַלן זיך און אַנטלויפן אַהיים. און נאָך אים האָבן זיך באַוועגט אַלע הינט און האָבן אינדערהויך אויסגעהאַווקעט אַ פײַערלעכע ליד וועגן דעם נײַעם העלדנטאַט פון זייער באַרימטן העלד...

אַפֿן עק שטאָט האָט דזשעמקי זיך אַפילע ניט אָפּגעשטעלט צו געזעגענען זיך מיט זײַנע כאַווירים. ער איז גלײַך אַוועק צו יענעם טונקעלן וואַלדפּאַס, וואָס האָט געבלויט אַפֿן ווײַטן האָריזאָנט. אומקומען, איז אומקומען...

און דער הינט־אוילעם איז געשטאַנען און אים נאָך לאַנג נאָכגעקוקט. צעלאָפֿן זייגען זיי זיך ערשט דאַן, ווען דזשעמקיס ווײַסע האָר זײַנען פאַרשוווּנדן אין דער ווײַט.

דאָס איז געווען דזשעמקיס ערשטע ווײַטע וואַנדלונג, און דערפאַר האָט ער זיך אָפּט אָפּגערוט. אָפּגעלאָפֿן אַביסל און שוין זיך אײַנגעמיט. ער זעצט זיך צו, רוט זיך אָפּ, גיט אַ טראַכט, צי ס'איז ניט בעסער זיך אומקערן אַהיים, קאָלזמאַן ס'האָט זיך נאָך מיט אים ניט געטראָפֿן קײַן אומגליק. און באַלד שטעלט ער זיך פאָר, ווי אַזוי זײַנע כאַווירים וואָלטן דאַמאָלסט געכויזעקט פון אים, דערנאָך צעהײַלט ער זיך שטיל און לויפֿט ווײַטער.

ערשט צו נאַכט־צו האָט ער זיך דערקליבן צום וואַלד. זיך דער־קליבן און אַ פאַרמאַטערטער זיך אַוועקגעזעצט אונטערן ערשטן קוסט. גיט אַזוי פאַר מידקײַט, ווי פאַר דערשרעק.

די ביימער אין וואַלד רוישן. אין די קוסטן רודערט זיך עפּעס. עפּעס הילכן אַזעלכע אומבאַווּסטע קלאַנגען. עפּעס טראָגן זיך אינדערלופֿט מינע אומבאַקאַנטע רייכעס. אין וואַלד איז מוירעדיק. אַזוי מוירעדיק, אַז בײַ דזשעמקין קלאַפּט אַזש אַ צאָן אין א צאָן. אָבער אַהיים ווערסטו זיך אַצינד ניט אומקערן, עס רוקט זיך אָן די נאַכט.



און אינדערהיימ, אכ, ווי גוט ס'איז דאָרט אַצינד... אינ ווינקל ליגט אַ פוכקע טעפּיכל,— ווי אנגענעמ איז דזשעמקינ שלאָפנ דערופּ. דאָ אָבער וועט אימ אויסקומענ אָפּזיצנ אַ גאַנצע נאַכט אַפ דער קאַלטער פײַכטער ערד. דערצו איז אינדערהיימ נאָכ וואַרעמ, ניטאָ אָט דער דורכנעמענדיקער ווינט. כוצ דעמ איז אינדערהיימ נאָכ פאַראַנ אַ שיסל מיט געשמאַק עסנ, וואָס די מוטער לאָזט פאַר אימ איבער אַלע טאָג... און דאָ איז קײַנ עסנ ניטאָ. און ווי אַפּצעלאָכעס האָט ער נאָכ הײַנט ניט געהאַט אינ מויל אַפילע קײַנ ברעקל.

און דזשעמקינ האָט אַזוי אָנגעכאַפּט א ראַכמאָנעס אפּ זיכ אַליינ, אַז ער האָט זיכ אַזש צעהײַלט. און אַזוי יאָמערלעכ, אַז ווענ דו וואָלסט געהערט, וואָלטנ זיכ באַ דיר די טרערנ פונ די אויגנ ווי אַ האָגל געקײַקלט.

איכ ווייס ניט, צי דזשעמקי האָט לאַנג אַזוי געוויינט. אָבער אָפּוויינענדיק אַביסל, איז ער דערנאָכ פאַרקראָכנ אונטער אַ קוסט, זיכ אַוועקגעלייגט אפּ דער ערד און פונ צאָרעס אײַנגעשלאָפנ. און אַזוי שטאַרק אײַנגעשלאָפנ, אַז ביזנ באַגינענ האָט ער זיכ קײַנ איינ מאָל ניט אופגעכאַפּט.

באַנאַכט איז בלויז געווענ אַביסל קילבלעכ. פאַרטאָג אָבער איז שוינ געווענ טאַקע גוט קאַלט. און דזשעמקי האָט זיכ אַביסל פאַרקילט. אינ שלאָפ נאָכ האָט ער אַ מאָל דרײַ גענאָסנ.

פונקט אינ דעמ מאָמענט איז דערגעבנ פאַרבײַגעגאַנגענ אַ וואָלפ... אַ גאַנצע נאַכט האָט ער אַרומגעבלאָנקעט אינ וואַלד, זוכנדיק עפּעס אַפּ אָפּצועסנ, און האָט גאָרניט ניט געפונענ. און דעריבער איז ער געווענ הונגעריק און בייז... דערהערנדיק דזשעמקיס ניסנ, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט און מיט בייז־פרייד א טראַכט געטאָנ:

„אַהאַ! געפּאַקט אַפּ הײַנט שפּײַז!"

ער האָט זיכ שטילערהייט צוגעגאַנגעט צומ קוסט, אונטער וועלכנ אונדזער העלד איז געשלאָפנ ווי אַ טויטער. דערזעענדיק דזשעמקינ, האָט דער וואָלפ זיכ פאַרקרימט: ער האָט גערעכנט, אַז דאָ גיסט עפּעס אַ געשמאַק באַשעפעניש, לאָזט זיכ גאָר אויס, אַז ס'איז א הונט. און נאָכ אַ קלייניקער דערצו. מיט אַזאַ וועסטו זיכ ניט אָנעסנ... איבעריקנס, איז פאַר א הונגעריקנ מאָגנ דאָס אויכ אַ מײַכל.

טראַכטנדיק אַזוי, האָט דער וואָלפ צעעפנט זײַנ שלונג און זיכ אָנגעבויגנ איבערנ שלאָפנדיקנ הינטל. צו דזשעמקיס גליק האָט דער וואָלפ פונ אומגעדולד פונקט אימ איבערנ אויער אַ קנאַק געטאָנ מיט זיינע ציינ.

דזשעמקי איז פונ דערשרעק אַזש אופגעשפּרונגענ. אָבער אופּ־מאַכנדיק די אויגנ אונ דערזעענדיק, ווער אייגנטלעכ האָט אימ אופּ־געוועקט, האָט ער זיכ באַרויִקט. ער האָט זיכ אַפילע ווידעראַמאָל דערפילט ווי אַ העלד. ביז איצט האָט ער קײַנ וואָלפ קיינמאָל ניט געזענ, אונ דעריבער האָט ער געמיינט, אַז דאָס שטייט פאַר אימ פּאָשעט אַ גרויסער גרויער הונט. נו, אונ ווי באַלד אַ הונט, איז נישטאָ וואָס מוירע צו האָבנ: ווענג אימ, ווענג העלד דזשעמקי האָבנ דאָכ עפּעס געהערט אַלע הינט.

— וואָס דאַרפסטו? — האָט ער מיט שטאָלצ אַ פרעג געטאָנ דעמ וואָלפ.

דער וואָלפ האָט פונ דערשטוינונג זיכ אַזש צוגעזעצט: ס׳איז אימ נאָכ קיינמאָל ניט אויסגעקומענ צו הערנ, אַז אַ הונט, וועלכנ ער האָט זיכ געקליבנ אופעסנ אַפ פרישטיק, זאָל מיט אימ אַזוי רעדנ. קומענדיק אַביסל צו זיכ, האָט ער געענטפערט:

— דיכ דאַרפ איכ האָבנ. כ׳וועל דיכ באַלד אופעסנ. אונ האָט ווידעראַמאָל אַ מוירעדיקנ קנאַק געטאָנ מיט די ציינ.

באַ דזשעמקינ האָבנ זיכ גענומענ טרייסלענ אַלע אייווערימ. ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז דאָ איז עפּעס אַ מיִעסע מײַסע. אָבער ער האָט זיכ געפּרוּווט דעמ וואָלפ אָפּשרעקנ.

— דו ווייסט ווער איכ בינ? — האָט ער אַ געשריי געטאָנ — איכ בינ דזשעמקי. ווי וואַגסטו עס מיט מיר אַזוי צו רעדנ?

דער וואָלפ האָט בלויז אַ שמייכל געטאָנ, אונ שווײַגנדיקערהייט אַ שפּרונג געטאָנ אַפ אימ, דערבײַ האָט ער אַזוי צעעפנט זײַנ מוירעדיקנ שלונג, גלײַכ ער וואָלט געוואָלט דזשעמקינ אײַנשלינגענ אינגאַנצנ.

אונ ער וואָלט טאַקע אײַנגעשלונגענ, ווענ דזשעמקי זאָל ניט געווענ באַוויזנ אָפּשפּרינגענ אַפ צוריק. אָפּשפּרינגענדיק, האָט ער גענומענ אַנטלויפנ פונעמ וואָלפ מיט אַזאַ אימפעט, וויפל נאָר די קויכעס זײַנע האָבנ אימ דערלויבט. ס׳האָט געדוכט, אַ ווײַס באַלעכל שפּרינגט צווישנ די קוסטנ. איצט האָט ער פאַרשטאַנענ, אַז מע וועט אימ טאַקע אופעסנ אַפאַנעמעסנ, אויב ער וועט ניט אַנטלויפנ.

נו, זיינענ זיי געלאָפנ. אונדזער העלד איז נאָכ קיינמאָל ניט אויסגעקומענ אַזוי שנעל אונ אַזוי לאַנג צו לויפנ. אונ דעריבער האָט ער אינגיכנ גענומענ צושטיינ. אונ דער וואָלפ — ער איז גאָרניט מיד געוואָרנ. וואָס אַ רעגע האָט ער זיכ אַלצ דערנענטערט. אָט פילט שוינ דזשעמקי זיינ אָטעמענ, אָט קנאַקט ער

שוינ מיט די ציינ, סטאַרענדיק זיכ אָנכאַפּנ דאָס הינטל פאַרנ קורצנ ווידל.

נאָכ א רעגעלע אונ דזשעמקי וואָלט אורגעקומענ אינעמ וואָלפס פּיסק. אונ ס'וואָלט קיינער קיינמאָל ניט געוווּסט וועגנ זײַנ טויט.

ווײַזט אויס אָבער, אַז דאָס מאַזל האָט דזשעמקינ אויכ דאָ ניט פאַרלאָזט. פּונקט אינ דער רעגע, ווענ דער וואָלף האָט צומ לעצטנ מאָל זיכ געצילט אָנכאַפּנ אונדזער העלד, האָט דער העלד פּלוצלימ באמערקט אינ דער ערד עפּעס א נאָרע, אזאַ נאָרע, וואָס דער וואָלף וועט אינ איר ניט קאָנענ ארײַנקריכנ. אונ ניט לאַנג געטראַכט, האָט ער געגעבנ א פוצ ארײַנ אינ איר. ער איז גיכ פאַרקראָכנ וואָס טיפער אונ ערשט דאַנ זיכ ארומגעקוקט.

וויפל דער וואָלף האָט זיכ ניט געסטאַרעט, אָבער דורכרוקנ אינ יענער נאָרע זײַנ גרויסנ קערפּער האָט זיכ אימ פּונדעסטוועגנ ניט אײַנגעגעבנ. ס'איז אימ בלויז געבליבנ טאָנ איינ זאַכ: שטיינ אונ קנאַקנ בייז מיט די ציינ. נו, זאָג אליינ, ווי אזוי קאָנ מענ דאָ ניט בייז ווערנ, ווענ א פרישטיק איז דיר פאַרשווונדנ פונ פאַר דער נאָז...

בעיס דזשעמקי האָט באַקלערט, וואָס ער דאַרפ טאָנ, איז אויכ דער וואָלף קיינ נאַר ניט געווענ. ער האָט זיכ אוועקגעלייגט פאַר דער נאָרע אונ געזאָגט צו דזשעמקינ:

— אלציינס וועסט זיכ ארײַנפּאַקנ צו מיר אינ מאָגנ. ווײַל איכ וועל פונדאַנענ ניט אָפּטרעטנ.

דערנאָכ האָט ער אוועקגעלייגט זײַנ קאָפּ אזוי, אז דער פּיסק זאָל אויסקומענ פּונקט קעגנ דער נאָרע, אונ איז אנדרימלט געוואָרנ. ער איז געווענ זיכער, אז סאָפּקאָלסאָפּ וועט ער דאָס הינטל אופעסנ.

אונ דזשעמקי — ס'זאָל אימ אָנהייבנ אַרנ: עס פרייט אימ, וואָס ער איז לעבעדיק געבליבנ.

אָבער אָפּרוענדיק אביסל אונ באַקלערנדיק די זאַכ, האָט ער געזענ, אז פרייענ זיכ איז נישטאָ פאַר וואָס. אויב דאָ פאַרבלײַבנ, קאָנ מענ פּייגערנ פונ הונגער. קריכסטו אָבער ארויס פונ דער נאָרע — אזוי טרעטסטו אומבאַדינגט אָנ דעמ וואָלפ אַפ דער נאָז.

וואָס זאָל ער טאָנ?

דזשעמקי האָט א טראַכט געטאָנ אונ באַשלאָסנ פאַרקריכנ אינ דער נאָרע נאָכ טיפער. עפּשער איז דאָ נאָכ פאַראַנ עפּעס אַנ אַנדער ארויסגאַנג כוצנ ערשטנ.

אונ ער איז געקראָכנ.

געקראָכנ, געקראָכנ אונ פּלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז די נאָרע ווערט ברייטער אונ פאַרקערעוועט אַפ לינקס. אונ אַז ער האָט זיכ דערקליבנ אַפנ פאַרקערעוועטנ וועג, האָט ער מיט שרעק דערזענ דאָרט עפּעס מינע לעבעדיקע באַשעפענישנ מיט בלישטשענ־דיקע אויגנ.

דאָס איז געווענ א פוקס־נאָרע. אונ געוווינט האָט אינ איר א פוקסעכע מיט פיר פיקסלעכ. אַלע האָבנ זיכ נאָרוואָס אופגעכאַפּט פונ שלאָפ, אונ די פוקסעכע האָט זיכ געקליבנ גייג כאַפּנ עפּעס אַפ פרישטיק פאַר זיכ אונ פאַר אירע קינדער. זי האָט זיכ נאָרוואָס געלאָזט צום אַרויסגאַנג פונ דער נאָרע, אַזוי איז געקומענ צוקריכנ דזשעמקי.

— מאַמע, מאַמע, — האָבנ די פיקסלעכ גענומענ שרייַענ, דער־זעענדיק אים — גיב נאָר אַ קוק: צו אונדז אינ דער נאָרע איז א פרישטיק געקומענ אַליינ.

די פוקסעכע האָט א קוק געטאָנ אונ מיט אַנגענעמקייַט זיכ א וווּנדער געטאָנ. זי לעבט שוינ אַפ דער וועלט וויפל יאָרנ אונ אַזוינס האָט זי נאָכ קיינמאָל ניט געזענ, — פרישטיקנ זאָלנ גאָר קומענ אַליינ צו איר אינ נאָרע. זי איז צוגעגאַנגענ צו דזשעמקינ, וואָס איז געשטאַנענ ניט טויט, ניט לעבעדיק, אים אַרומגעשמעקט אונ געזאָגט צו אירע קינדער:

— ניט קייַנ איבעריק געשמאַק עסנ — הינטנפלייש... אָבער ס'איז פאַראַנ אַזויפיל, אַז ניט נאָר וואָס ס'וועט אונדז קלעקנ אַפ פרישטיק, נאָר ס'וועט נאָכ בלייַבנ... אָט וואָס, קינדערלעכ, איר היט אַפ דעמ נאַרישנ הונט, אונ איכ וועל צולויפנ צו אַ שכיינע — איכ וועל זי פאַרבעטנ צו אונדז אַפ פרישטיק. זאָל זי אויכ אַ נאַש טאָנ הינטנפלייש.

— גוט, גוט, — האָבנ די פיקסלעכ אייַנגעשטימט. — גיי לאַד אייַנ.

— זעט זשע, ניט אַרויסלאָזנ אים פונ דער נאָרע, — האָט די פוקסעכע נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט אונ איז אַוועקגעלאָפנ.

די פיקסלעכ האָבנ דזשעמקינ אַרומגערינגלט, זיכ אויסגעזעצט אַרומ אים אונ אים גענומענ אַרומלעקנ. אונ די גרייס זייַנענ זיי קימאַט ווי דזשעמקי. אַנטלויפנ איז אומעגלעכ.

— נו, — האָט א טראַכט געטאָנ דאָס אומגליקלעכע הינטל, — איצט בינ איכ פאַרפאַלנ אַפ אייביק.

אונ ס'איז אים אַזוי ביטער געוואָרנ אַפנ האַרצנ, אַז ער האָט

זיך אַוועקגעלייגט און פֿאַרמאַכט די אויגן, קעדיי ניט צו זען, ווי אַזוי באַ די פּיקסלעך רינט אַזש די סלינע פֿאַר הונגער. און אַלץ האָט אין אים געוויינט, און ער האָט זיך מיט אַלעמען גע־זעגנט: אי מיט די כאַווײרים, אי מיט דער מוטער נאָרמאַ, און אַפּילע מיט נעראָנען, כאָטש ער האָט אים קיינמאָל ניט ליב געהאַט...

אָבער ס׳איז געשען עפּעס אַ ווונדער. ס׳איז אַוועק אַ האַלבע שאָ, און די פוקסעכע איז נאָך ניטאָ צוריק... אַ גאַנצע שאָ שוין אַדורך, און די פוקסעכע איז נאָך אַלץ ניטאָ.

די פּיקסלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַמרויקן, געגומען פרעגן איינס דאָס אַנדערע:

— וואָס זאָמט זי זיך אַזוי לאַנג?

און אַז ס׳איז אַוועק נאָך אַ האַלבע שאָ, זיינען זיי שוין אינגאַנצן אַרומגעגאַנגען אָן קעפּ און האָבן קימאַט פֿאַרגעסן אָן דזשעמקין... דערנאָך האָבן זיי געשיקט איינעם פון זיי אַ קוק צו טאָן, צי די פוקסעכע קערט זיך ניט אום, צי ס׳האָט מיט איר עפּעס ניט פּאַסירט.

דאָס פּיקסל איז אַרויסגעקראָכן פון דער נאָרע, און אין אַ מינוט אַרום האָט זיך עס אַזוי הויך און יאָמערלעך צעוואָיעט, אַז די קוילעס זיינען אַזש דערגאַנגען אין דער נאָרע אַריין.

די פּיקסלעך האָבן זיך איבערגעשראָקן. זיי האָבן אָן דזשעמקין אינגאַנצן פֿאַרגעסן און זיך אַ לאָז געטאָן לויפן פון דער נאָרע.

דזשעמקי איז געבליבן איינער אַליין. אָבער ער איז געווען אַזוי אָנגעשראָקן און האָט זיך שוין אַזוי צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז ער מוז שענדלעך אומקומען, אַז ער איז געקומען צו זיך ערשט דאַן, ווען אין דער נאָרע איז שוין לאַנג געווען שאַ־שטיל... ער האָט אופגעמאַכט די אויגן און קיינעם ניט דערזען. ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע — קיינער פון די פּיקסלעך קערט זיך ניט אום. ער האָט געוואַרט ווײַטער, אַליין ניטוויסנדיק צוליב וואָס, און דערנאָך ערשט שטילערהייט גענומען אַרויסקריכן פון דער נאָרע. דערקריכנדיק צום אַרויסגאַנג, האָט ער דערזען, אַז דער וואָלף איז אויך ניטאָ.

און לעבן דער נאָרע האָט אָט וואָס פּאַסירט.

ווען די פוקסעכע איז אַרויסגעקראָכן פון דער נאָרע, האָט זי זיך אַזוי געאײַלט, אַז זי האָט אַפּילע ניט באַמערקט דעם וואָלף, וואָס איז וואַכזאַם געשלאָפן, אַוועקלייגנדיק דעם קאָפּ קימאַט אין דער סאַמע נאָרע, און זי האָט אים אָנגעטראָטן גלײַך אַפּ דער נאָז.



דעמ וואָלפ האָט זיכ פונעמ שלאָפ אויסגעדוכט, אַז דאָס איז דזשעמקי, און ער האָט אַזוי אָנגעכאַפּט די פוקסעכע מיט די ציינ פאַרנ גאָרגל, אַז זי האָט אַפילע ניט באַוויזנ קיינ קרעכצ טאָנ. און ווענ דער וואָלפ האָט זיכ אַרומגעקוקט, ווענ ער האָט דאָ פאַרזוכט, איז אימ געוואָרנ אַפנ האַרצנ אַזוי ניט גוט, אַזוי ניט גוט, אַז ער האָט שיר ניט געלאָזט אַ טרער. ער איז דאָכ געווענ מיט דער פוקסעכע אַלטע גוטע-פרייַנט... און אָט ווי ס'האָט זיכ גאָר געענדיקט זייער פרייַנטשאַפט. ער האָט זי דערשטיקט, און ווי אַפּצעלאָכעס גלוסט זיכ אימ איצט עסנ, און דער וואָלפ האָט אינ גרויס צאַער זיכ גענומענ עסנ די פוקסעכע. פאַרענדיקט האָט ער זיינ פרישטיק דאַנ, ווענ פונ דער פוקסעכע איז איבערגעבליבנ בלויז דער וויידל. דעמאָלט איז ער אַוועקגעגאַנגענ אַהיימ שלאָפנ, קעדיי ער זאָל גיכער פאַרגעסנ זייַנע צאָרעס.

דאָס פיקסל, אַרויסקריכנדיק פונ דער נאָרע, האָט עס דערזענ דער מוטערס וויידל און האָט זיכ צעוואָיעט. און דערנאָכ איז עס אַוועקגעלאָפנ מיט זייַנע ברידער און שוועסטער צו די קרויווימ, גיבנ זיי צו וויסנ וועגנ דעמ פריצייַטיקנ און טראַגישנ טויט פונ זייער מוטער...

אַז דזשעמקי האָט אַלצ באַנומענ, האָט ער פונ פרייד זיכ אַזש צעטאַנצט. און, דערזעענדיק דער פוקסעכעס וויידל, וואָס דער וואָלפ האָט אימ ניט דערעסנ, איז ער גאָר דול געוואָרנ פאַר פרייד. אַז ער וועט ווייַזנ זייַנע כאַווייריִמ אָט דעמ וויידל און זאָגנ, אַז די פוקסעכע האָט ער אופגעגעסנ, וועט זייַנ רומ זיכ אַזוי צעוואַקסנ, אַז די הינט וועלנ וועגנ אימ אַלע טאָג אויסהאַוקענ לויב-לידער.

אָנטאַנצנדיק זיכ, האָט ער אַ כאַפּ געטאָנ דעמ וויידל און מיט אַלע קויכעס זיכ אַוועקגעטראָגנ איבערנ פעלד העט-העט, וואָס ווייַטער פונעמ דאָזיקנ געפערלעכנ אָרט.

און אַז אַלצ, וואָס ס'האָט מיט אימ פאַסירט, האָט געזענ נעראָנ, דאָס האָט דזשעמקי ניט געוווּסט...

דו ווייַסט דאָכ שוינ, אַז נעראָנ איז געפאָרנ מיט זייַנ באַלעבאָס אַפּ געיעג. דו ווייסט שוינ אויכ, אַז נעראָנ האָט אופמערקזאַמ געמאַכט נאָרמענ אַפּ דזשעמקיס אופירונג. און ווייסט אויכ ווייַטער, אַז ער האָט פונ דזשעמקיס רומ ניט געהאַלטנ. אָבער דו ווייסט נאָכ אַבסאָליוט גאָרניט, וואָס פאַר אַ הונט איז דאָס געווענ, און וואָס

פאַר אַ כאַראַקטער ער האָט געהאַט, אונ דו דאַרפסט זיכ בעסער באַקענענ מיט אָט דעמ זייער סימפּאַטישנ הונט.

דאָס איז געווענ אַנ ערנסטער אַרבעט־הונט פונ דער ראַסע אירלאַנדישע סעטערנ. ער האָט געהאַט וווּנדער־שיינע מינענדיקע, טונקל־ברוינע האָר, גרויסע אויערנ. ער האָט געקאָנט שנעל לויפנ, האָט ליב געהאַט זײַנ באַלעבאָס. אונ דער איקער — ער האָט געקאָנט גוט זיכ יאָגנ נאָכ געווילד. געיעג — דאָס איז געווענ זײַנ גרונט־אַרבעט. אונ ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט.

אינדערהיימ, אינ שטאָט, האָט ער זיכ געלאַנגווײַליקט, אונ פונ לאַנגווײַליקײַט האָט ער זיכ געטשעפּעט צו יעדער קלייניקייט. ער האָט זיכ אויכ געטשעפּעט צו דזשעמקיס אופירונג. אָבער אַלע האָבנ געוווּסט: ער לאַנגווײַליקט זיכ איבער דעמ, וואָס די שטאָט איז ניט קײַנ וואַלד, וואָס מע קאָנ דאָרטנ ניט אויסשפּירנ קיינ געווילד, יאָגנ זיכ נאָכ אַ כאַיע. נאָר אינ וואַלד האָט ער זיכ געפילט פריילעכ אונ מונטער. דאָסגלײַכנ האָבנ אַלע געוווּסט, אַז ער איז זייער אַ גוטער יעגער: ס'האָט נאָכ קיינמאָל ניט געטראָפנ, אַז זײַנ באַלעבאָס זאָל זיכ אומקערנ פונעמ געיעג אָנ געפאַנג.

אונ דערפאַר האָבנ אימ אַלע געשעצט. אויכ ער אַליינ האָט זיכ געשעצט, ווײַל ער האָט געקערט צו דער ראַסע געיעג־הינט אונ האָט שטענדיק גערנ אונ געווויסנהאַפטיק אויסגעפילט זײַנע פליכטנ, ניט ווי עפּעס אַ דזשעמקי. פאַקסטעריערנ דאַרפנ כאַפּנ אונ פאַרניכטנ שטשורעס, אונ ער, אַנשטאָט אויסצופילנ דעמדאָזיקנ בעקאָוועדיקנ אונ נוצלעכנ פליכט, יאָגט ער זיכ גאָר שטענדיק אַרומ איבער די גאַסנ, באַרימט זיכ אונ בילט.

יענעמ פרימאָרגנ, ווענ דזשעמקי האָט איבערגעלעבט זײַנע אומאָנגענעמענע באַגעגענישנ מיטנ וואָלף אונ מיט דער פוקסעכע, איז נעראָנ מיט זײַנ באַלעבאָס געקומענ אינ וואַלד קאַיאָר, נאָכ איידער ס'האָט אָנגעהויבנ טאָגנ. נעראָנ האָט ווי שטענדיק פאַרוואָרפנ זײַנע לאַנגע אויערנ אָפנ רוקנ אונ שוואַליאָמ זיכ אוועקגעלאָזט פאָרויס — אָפזוכנ געווילד.

פלוצלינג באַמערקט ער — צווישנ די קוסטנ שימערט עפּעס. צערשט, עפּעס אַ קליינס אונ ווײַסינקס, אונ דערנאָכ — אַ גרויסעס אונ גרויס. נעראָנ לאָזט זיכ אוועק אהינ: זאָל עס עפּשער זײַנ געווילד? אונ ער האָט דערזענ, אַז דאָס יאָגט זיכ גאָר אַ וואָלף נאָכ דזשעמקינ.

כאָטש נעראָנ האָט דאָסדאָזיקע נאַרישע הינטל ניט שטאַרק

ליב געהאַט, כאָטש ער האָט עס געהאַלטן פאַר א טויגעניכטס, דאָך האָט עס אים באַנג געטאָן. זײַן ערשטער געדאַנק איז געווען: מע דאַרף ווי ניט איז ראַטעווען דעמדאָזיקן באַרימער. און נעראָן האָט זיך אוועקגעיאָגט נאָכן וואָלף, כאָטש ער האָט געוווּסט, אז דער וואָלף איז שטאַרקער פון אים און ער וועט אים באַלד צערײַסן, ווי נאָר ער וועט אים דערזען. אָבער וועגן דעם האָט ער ניט געטראַכט: ער האָט באַשלאָסן אָפּשטעלן די כאַיע, קעדיי דזשועמקי זאָל באַוויזן אַנטלויפן וואָס ווײַטער. זאָל אים בעסער דער וואָלף אויפעסן...

און נעראָן האָט עטלעכע מאָל א האַווקע געטאָן, קעדיי אָפּציִען דעם וואָלפס אויפמערקזאַמקייט אף זיך.

נעראָן איז געווען זייער א לײַטישער.

צום גליק איז דער וואָלף געווען אזוי פאַרכאַפּט מיטן יאָגן זיך נאָך דזשעמקין, אז ער האָט ניט געהערט זײַן האַווקען...

נו, דו ווייסט שוין אויך, אז דזשעמקי האָט זיך באַהאַלטן פאַרן וואָלף אין דער פוקסן־נאָרע. דערזעענדיק דאָס, האט נעראָן אף א ווײַלע זיך צוגעזעצט הינטער א קוסט, אז דער וואָלף זאָל אים ניט באַמערקן. אַצינד, ווען דזשעמקי איז שוין אויסער געפאַר, איז אבסאָליוט ניט נייטיק אײַנצושטעלן דאָס לעבן. ער האָט זיך צוגעזעצט און, צושמייכלענדיק, א טראַכט געטאָן:

— איז אָט וואס פאַר א העלד ס׳איז דזשעמקי, נו־נו... א טראַמווײַ האָט ער אָפּגעשטעלט און פאַר א וואָלף אנטלויפט ער. דער טראַמווײַ איז דאָך אסאַך שטאַרקער פאַרן וואָלף. די וועלף וואָלטן אפילע זאלבעצענט אים ניט געקאָנט אָפּשטעלן, און ער, דזשעמקי, אָט פאַרוואָס ער האָט זיך דערשראָקן. נו, א העלד...

אזוי האָט נעראָן אָפּגעלאַכט, און דערנאָך איז ער שנעל אוועקגעלאָפן צוריק צום באַלעבאָס. מע דאַרף דאָך פאָרט דזשעמקין אַרויסראַטעווען.

ער האָט פאַרשטאַנען, אז דער וואָלף וועט ~~אַצינד~~ אינערגעץ ניט גיין, ער וועט טשאַטעווען אף דזשעמקין. און דער באַלעבאָס וועט קומען און וועט אים מיט זײַן ביקס אוועקהאַרגענען. אזוי טאַקע איז געשען. מער ניט, וואָס נעראָנס באַלעבאָס האָט דערשאָסן דעם וואָלף ניט לעבן דער פוקסן־נאָרע. ער און נעראָן האָבן אים באַגעגנט, ווען ער האט זיך אומגעקערט צו זײַן נאָרע, נאָכדעם ווי ער האט אויפגעגעסן די פוקסעכע.

ער איז געווען זאַט און טרויעריק: ער האט זיך בעשומויפן ניט געקאָנט באַרויִקן, אלעמײַ האט ער אומגעבראַכט זײַן פרײַנט. און

דער צאַר זײַנער איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט ניט באַמערקט, ווי דער יעגער האָט אים איבערגעהאַקט דעם וועג...

נאָכדעם ווי נעראָן האָט געהאָלפן זײַן באַלעבאָס אוועקהאַרגענען אָט די גרויסע כאַיע, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צו דער נאָרע — אַרויסרופן פונדאָרטן דזשעמקין. ער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצולויפן קײַן העלפט וועג אַפילע, אַזוי האָט ער דערזען: דזשעמקי אַליין לויפט אים אַנטקעגן, ער האָט אַ העכסט העלדישן אויסזען. אין די ציין בײַ אים סטאָרטשעט אַ פוקסן־וויידל, גלײַך ער טראָגט אַ טראָפּיי פון אַ נײַעם העלדנטאַט זײַנעם. ער פליט און זעט ניט נעראָנען. נעראָן האָט אים אַ רוף געטאָן:

— דאָס ביסטו, דזשעמקי?

אונדזער העלד האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מיט שטאָלץ אַ קוק געטאָן אויף נעראָנען, אוועקגעלייגט דעם וויידל אויף דער ערד, אים צוגעדריקט מיט די פאָדערשטע לאַפּעס, אַז נעראָן זאָל אים דערווײַל ניט צונעמען, און געענטפערט:

— איך.

— וואָס טוסטו דאָ?

— איך בין אויף געיעג. ווי איר זעט, אָט האָב איך צוריק מיט אַ האַלבער שעה געכאַפּט אַ פוקס און אים אויפגעגעסן, ווײַל ס'האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט עסן. בלויז דעם וויידל האָב איך איבערגעלאָזט אויף אָנדענק!

נעראָן איז אַזש געבליבן זיצן. ער האָט געוווּסט, אַז דזשעמקין טאָר מען ניט טרויען, אָבער אַזאַ אומפאַרשעמטן ליגן האָט ער זיך קיינמאָל ניט געריכט פון אים צו הערן... אָבער ער האָט אים גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, וואָס ער האָט געזען... ווי באַלד אַזוי, טאָ זאָל דזשעמקי לײַגן וויפל זײַן האַרץ גלוסט, — ער וועט דערנאָך אַלעמען קאָנען דערווײַזן, וואָס פאַר אַ נישטיקער הונט דאָס איז...

— ווי אַזוי זשע איז עס פאָרגעקומען? — האָט געפרעגט נעראָן, מאַכנדיק זיך, אַז ער קאָן זיך גאָרניט אָפּוווּנדערן.

דזשעמקי האָט זיך אויך צוגעזעצט און גענומען דערציילן:

— אָט ווי אַזוי... איך גיי זיך מיטן וואַלד. איך גיב אַ קוק — עס לויפט אַ פוקסעכע. איך לאָז זיך גלײַך צו איר. — און זי פון מיר אַנטלויפט... ווייזט אויס, אַז דער קלאַנג וועגן מיר האָט זיך שוין אויך אַהער דערקײַקלט. ווי נאָר די פוקסעכע האָט מיך דערזען, אַזוי האָט זי גענומען שרײַען: „גוואַלד, ראַטעוועט! נאָך מיר יאָגט זיך דער העלד דזשעמקי". און געמאַכט די פּלייטע, זי איז געלאָפן

אזוי שנעל, אז איכ האב זי דעריאָגט ערשט סאמע לעבנ דער נאָרע. אונ איכ בינ אזוי, פאַרשטייט איר מיכ, פאַרכאַפּט געווענ מיטנ דאָזיקנ געיעג, אז איכ האב אפילע ניט באַמערקט, ווי אזוי נאָכ אונדז איז נאָכגעלאָפנ א וואָלף. איכ האב נאָכ ניט באוויזנ די פוקסעכע פארצוקנ, אונ ער איז שוינ לעבנ אונדז. ס'האט זיכ אימ פאַרוואָלט אָפּנעמענ בא מיר מײַנ שפּײַז. ער האָט ניט געוווּסט, אפאָנעם, מיט וועמענ ער האט צוטאָנ. נו, האָב איכ אימ דערציילט די מײַסע... ס'זײַנענ אזש געפלויגנ פונ אימ גאַנצע זשמעניעס האָר. ער וועט האבנ דזשעמקינ לאַנג צו געדענקענ. ווענ ער זאָל ניט געווענ אנטלויפנ, וואָלט ער אויכ געגאנ קאפוט... אָט ווי אזוי איכ יאָג זיכ נאָכ געפאַנג, ניט אזוי ווי איר.

— דאס איז ווירקלעכ א העלדישער געיעג. — האָט נעראָנ אײַנגעשטימט, אונ אליינ זיכ קוים אײַנגעהאַלטנ, זיכ ניט צו צעלאַכנ.

אונ דזשעמקי האָט געמיינט, אז ער הערט אימ מיט אופמערקזאַמקייט אונ גלויבט אימ אלצ. איז ער נאָכ גרעסער געוואָרנ בא זיכ.

— נו, — האָט ער געזאָגט, — איכ האב קיינ צײַט ניט מיט אײַכ צו פּלוידערנ. מע דארפ אײַלנ אהיימ. זײַט געזונט!

אונ, א כאפּ טוענדיק זײַנ פוקסנ־ווידל, האָט ער זיכ אוועקגעלאָזט ווײַטער.

ער האט זיכ קײַנ איינ מאָל ניט אומגעקוקט. ער האט ניט באַמערקט, אז נעראָנ האָט אזש א פאל געטאָנ אפ דער ערד — אזוי שטאַרק האט ער זיכ צע/אַכט.

נעראָנ מיט זײַנ באלעבאָס האבנ זיכ אומגעקערט פונעמ געיעג אפ מאָרגנ אינדערפרי. באַמ באלעבאָס איבער די פּלייצעס איז געווענ אריבערגעוואָרפנ א פוכיקע וועלפישע פעל.

פאַרשטייט זיכ, אז צומ אלעמ ערשטנ האָט נעראָנ גענומענ איבערקוקנ די פּארקנס אונ סטויפּטשיקעס: וואס איז דאָרטנ דאָ אזוינס וועגנ דזשעמקינ? אונ, אָנהייבנדיק דורכקוקנ, איז ער פּאָשעט פאַרווונדערט געוואָרנ. ווײַניק וואס מע האט דזשעמקינ דערקלערט פארנ סאמע באַרימטנ העלד אינ דער גאַנצער הינטנ־וועלט, האָט מענ נאָכ וועגנ אימ געשריבנ, אז ער האט פארניכטעט אינ וואלד אלע פוקסנ, אז, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבנ, איז ער אָנגעפאלנ אפ א טשאַטע וועלפ אונ האָט זיי צעטריבנ, אז צוויי וועלפ האט ער אופגעגעסנ אַפנ אָרט, אונ נאָכ עטלעכע האבנ אוועקגעפויזעט צו



זייערע נאָרעס שטאַרבנ. מיט איינ וואָרט, דזשעמקי האט געלייגט אפ וואָס די וועלט שטייט... אונ דערביי האט ער זיכ פארופנ אפ אימ, אפ נעראָנענ, ווי אפ אַנ איידעס: נעראָנ, קלוימערשט, האט זיכ מיט אימ באַגעגנט אינ וואַלד בעייס ער האָט געהאלטנ אינ פארניכטנ די פוקסנ.

נו, נו, — האט נעראָנ געקלערט, לאַכנדיק צו זיכ אַליינ, — בעייסנ לויפנ אהיימ האָט זיכ דזשעמקיס פאַנטאַזיע פייַנ צעשפּילט. ס'איז ציקאַווע אַ קוק טאָנ, וואס וועט ווייַטער זייַנ. צוגייענדיק צו זייַנ הויזי האט ער דערזענ אזאַ בילד: אינמיטנ גאַס אינ א קרייַז זיצנ הינט, אַ שטיק דרייַסיק ניט ווייניקער, אונ אינמיטנ קרייַז — דזשעמקי. ער זיצט אונ קוקט ניט אפ קיינעמ. מיט אנ אפאטישער שטימ, גלייַכ ווי עס וואָלט אימ שוינ שטאַרק דערעסנ דערציילנ, דערציילט ער וועגנ זייַנע אויסגעטראַכטע פאסירונגענ אינ וואלד. אונ די הינט הערנ אונ באוווּנדערנ. זיי קאָנענ פונ אימ די אויגנ ניט אָפּרייַסנ. זיי קלייַבנ פונ זייער העלד נאכעס... אונ ער האקט ליגנס. ווו דערנעמט זיכ עס צו אימ גאָר אזויפיל!

דערזעענדיק נעראָנענ, האָט דזשעמקי א זיפצ געטאָנ אונ געזאָגט:

— אונ אָט איז נעראָנ אויכ דאָ. בעט אימ, ער זאָל אייַכ וועגנ מיר נאָכ עפּעס דערציילנ... אביסל האָט ער אויכ געזענ... אונ איכ בינ שוינ מיד געוואָרנ. איכ וויל זיכ אָפּרוענ... איר האט מיר דערעסנ מיט אייַערע אויספרעגעכצנ.

אַנ איידעס פונ דזשעמקיס העלדישקייַט — דאָס איז אינטערעסאַנט.

אונ אַלע הינט האָבנ זיכ אויסגעקערעוועט צו נעראָנענ. אָבער יענער האָט געשוויגנ. ער האָט מוירע געהאט אופמאַכנ דאָס מויל: ס'האָט אימ געשטיקט דער געלעכטער.

— אונדזער דזשעמקינ האָט איר אינ וואַלד געזענ? — האָט זיכ ענדלעכ געווענדעט צו אימ דער נאָענטסטער הונט.

— האַרשטייט זיכ, געזענ, — האָט צושווייַגנדיק אַביסל געענטפערט נעראָנ.

— טאָ זייַט אַזוי גוט אונ דערציילט אונדז וועגנ דעמ, — האָבנ אַלע איבעריקע הינט אימ גענומענ בעטנ — נו, דערציילט...

אונ דזשעמקי כאַפּט אַפּ נעראָנענ אַפילע קיינ קוק ניט: אַזוי איז ער זיכער, אַז יענער האַלט אימ אויכ פאַר אַ העלד אונ ער

וועט וואָרט באַ וואָרט איבערכאַזערנ אַלצ, וואָס ער האָט נעכטנ פונ אימ געהערט אינ וואַלד.

נעראָנ האָט זיכ צוגעזעצט אונ, שווײַגנדיק נאָכ אַ ווײַלע, האָט ער געזאָגט:

— גוט, איכ וועל דערציילנ... אָבער איכ ווייס ניט וועגנ וואָס אײַכ צו דערציילנ, צי וועגנ דעמ, ווי אַזוי איכ האָב דערזענ דזשעמקינ, צי גאָר וועגנ דעמ, ווי אַזוי איכ מיט אימ האָבנ געשמועסט.

— וועגנ דעמ, ווי אַזוי איר האָט אימ דערזענ—האָבנ אַלע הינט מיטאַמאָל זיכ צעשריגנ.

— נו,—האָט נעראָנ אָנגעהויבנ פאַמעלעכ,—צוערשט האָב איכ דערזענ, ווי אַזוי ער איז פונעמ וואָלפ אַנטלאָפנ...

— וואָס, אַנטלאָפנ?—האָבנ די הינט אויסגעשריגנ, ניט גלייבנדיק זייערע אייגענע אויערנ.

— גאַנצ פאָשעט: דזשעמקי פאָרויס, אונ דער וואָלפ מיטנ צעעפנטנ שלונג פונהינטנ, נאָכ אימ. דער וואָלפ איז געווענ הונ-געריק, האָט ער געוואָלט דזשעמקינ אופעסנ.

די הינט זיינענ געבליבנ ווי געפעפט. דאָס, וואָס זיי האָבנ געהערט פונ נאָרענענ, שטימט דאָכ ניט לאַכלוטנ מיט דעמ, וואָס דזשעמקי האָט דערציילט... אונ נאָרענענ ניט גלויבנ האָבנ זיי ניט געקאָנט: ער האָט קיינמאָל ניט געלײַגט—דאָס האָבנ געוווסט אַלע. אונ זיי האָבנ געקוקט אָפ אימ מיט אַרויסגעשטעקטע צונגענ אונ געפינטלט מיט די אויגנ.

דזשעמקי האָט דערפילט, אַז נעראָנ וועט אימ באַלד אויסגעבנ, איז ער צוגעשפרונגענ צו נעראָנענ אונ זיכ צעשריגנ:

— וואָס פלאַפלט איר דאָרט? וואָס פאַר אַ וואָלפ האָט זיכ נאָכ מיר געיאָגט?

— דערזעלבער,—האָט אימ נעראָנ אָפגעענטפערט,—פאַר וועל-מענ דו האָסט זיכ באַהאַלטנ אינ דער פוקסנ-נאָרע...

אונ אויסקערעווענדיק זיכ צו די הינט, האָט ער זיי גענומענ דערציילנ ווײַטער:

— אונ אינ יענער נאָרע האָט די פוקסעכע מיט אירע פיקסלעכ אײַער העלד שיר ניט אופגעגעסנ. איכ האָב דערנאָכ געכאַפט איינס פונ די פיקסלעכ אונ עס געצווונגענ דערציילנ, ווי אַזוי דזשעמקי האָט אינ זייער נאָרע געווײַנט. איז אָט וואָס עס האָט מיר דער-ציילט...

און נעראָנ האָט איבערדערציילט די הינט דאָס, וואָס דו ווייסט שוינ. נו, האָבנ די הינט געלאַכט, געריסנ קישקעס פאַר געלעכטער.
אַזוי איז געקומענ אַ סאָפ צו דזשעמקיס רומ...

לאַנג, זייער לאַנג נאָכ דעמ האָט דזשעמקי ניט געקאָנט זיכ באַוויַיזנ אַפ דער גאַס. ווייניק, וואָס מע האָט אימ אומעטומ גערופנ באַרימער, ליגנער און פאַכדנ, האָט מענ אימ נאָכ פּאָשעט ניט געלאָזט דורכגיינ די גאַס: מע האָט אַפ אימ געטיַיטלט מיט די לאַפּעס, מע האָט זיכ איזדעקעוועט איבער אימ, מע האָט אימ נאָכגעשריגנ קאָלערליי באַליידיקנדיקע זידלווערטער. אַפּילע די קעצ, ווענ ער האָט אַמאָל ניט געלאָזט לעבנ, אויכ זיי האָבנ געכויזעקט, ווי נאָר זיי האָבנ אימ דערזענ. עמעס, זיי זיינענ אפריער אַרופגעשפּרונגענ אַפנ פּאַרקנ, ער זאָל זיי ניט קאָנענ פּאַקנ, און דערנאָכ ערשט האָבנ זיי גענומענ כויזעקנ. אָבער דערפונ איז די באַליידיקונג ניט געוואָרנ קלענער...

אויכ דו, מיסטאָמע, לאַכסט פונ דזשעמקינ. דו זאָגסט, אַז אַזוי קומט אימ טאַקע, אַט דעמ באַרימער.

אָבער טאָמער וועט דיר אויסקומענ זיכ באַגעגענענ מיט דזשעמקינ, ראָט איכ דיכ, אַז דו זאָלסט זיכ ניט איזדעקעווענ איבער אימ. דאָס וועט דיר קיינער ניט דערלויבנ. די געשעענישנ, וועגנ וועלכע עס ווערט דערציילט אינעמ דאָזיקנ ביכל, זיינענ פאָר־געקומענ שוינ גאָר לאַנג. און אַצינד איז שוינ דזשעמקי גאָרניט דזשעמקי, נאָר דזשעמס. און אַלע אכטנ אימ און האָבנ אימ ליב...

אַז נעראָנ האָט אימ אויסגעגעבנ, און די הינט האָבנ זיכ גע־נומענ איבער אימ איזדעקעווענ, האָט דזשעמקי באַשלאָסנ אַלעמענ דערוויַיזנ, אַז ניט געקוקט אַפ גאָרניט, איז ער פונדעסטוועגנ פייַיק אופטאָנ גרויסע זאַכנ. און ער האָט אָנגעהויבנ ערלעכ אויספילנ די פליכטנ, וואָס ליגנ אַפ יעדנ פאָרשטייער פונעמ הינטנ־שייוועט, און ביפראָט אַפ די פאָרשטייערס פונ דער פאָקסטעריערנ־ראַסע: ער האָט אָנגעהויבנ געוויסנהאַפטיק כאַפנ און פאַרניכטנ שטשורעס.

אָבער ניט נאָר קעמפנ מיט דידאָזיקע שעדיקערס קאָנ ער אַצינד. ער באַוואַכט אויסגעצייכנט די וווינונג פונ זיַינ באַלעבאָס, ער טראָגט אינ מויל פאַרשיידענע זאַכנ, גייט אַפ די הינטערשטע לאַפּעס... איכ קאָנ אייַכ אַפּילע ניט אויסרעכענענ, וואָס דזשעמקי האָט זיכ אויסגעלערנט.

וועגן אים זאָגן איצט ניט נאָר הינט, נאָר אַפילע מענטשן:
— אָ, דזשעמס — אַן אויסגעצייכנטער הונט. ער קאָן טאָן אַלץ. דאָס איז אַן ערלעך־פאַרדינטער רום. און אויב דזשעמס גרייסט זיך אַביסל מיט דעם, איז עס אויך גאַנץ פאַרשטענדלעך.

קינדער-פארלאַג

עס גרייט זיך צום דרוק און ס'וועט אינגיכן דערשיינען
פאָלגנדע קינדער-ליטעראַטור אין ייִדיש

פאַר פאַרשול-קינדער

נ. זאַבילאַ — דער וואַלד-ציילער
ל. טאָלסטאָי — דריי בערן
ס. מאַרשאַק — די פּאָטשט

פאַר קינדער פון ייִנגערן עלטער

פּ. פּאַנטש — דער קליינער פּאַרטיזאַן
מ. דאַניעל — דערציילונגען — צווייטע
אויסגעבעסערטע אויפלאַגע

באַשטעלונגען ווערן צוגענומען אין אַלע
ביכער-מאַגאַזינען פון „וווקאָפּקניגע"
„אוקרקניגאָטאָרג" און אין די קיאָסק
פון „סאָיוזדרוק"